STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03771

DI GULE-SHO

Mosheh Oved

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די גאולה-שעה

The Narod Press (T.U.), 129-131 Cavell Street, London, E.

די גאולה-שעה

(א וויזיע)

פון

משה עובד

לאנדאן

1950

אינהאלט

קאַפּיטעל | זייט

א. משיח גזעגענט זיך מיטן רבונו של עולם 7
ב. די קאַרסעטען ־ שטאָדט 10
ג. דאָס קאַרסעטען־ליעד 14
ד. איוב אויף דעם יושר־באַרג 16
ה. משיח לייזט אויס די קאַרסעטען ־ שטאָדט 24
ו. איוב ווערט משיח׳ס רעכטע האַנד 26
ז. די סאָוויעטען־שטאָדט 27
ח. ס׳אייזעלע הרג׳עט אַ מענשען 28
ט. דער אַנטי־משיח׳יזם קריגט אַ טויט־קלאַפּ 30
י. דאָס הילצערנע אייזעלע 32
יא. דאָס טהעאטער־שפּיעל 34
יב. יאַנקעלע 40
יג. משיח ענטפּלעקט דעם מענטש פאַרן אייזעלע 44
יד. משיח ענטפּלעקט זיין עיקר שליחות 46
טו. די מנורה פון זיבען טעמפּלען 48
טז. די געבורט פון אחד 50
יז. די רעאַליזאַציע 52
יח. די בעפרייאונג פון ציון 53

משיח׳ס אייזעלע (בראָנז) פון משה עובד

Photograph by Merlin Minshal

1

די גאולה-שעה

משיח געזעגנט זיך מיט׳ן רבונו של עולם

קאַפּיטעל א.

ווען די גאולה־שעה האָט געקלאַפּט,
האָט משיח פון קראַנקען בעט שנעל זיך אויפגעכאַפּט;
אַ געשפּאַנטער ס׳אייזעלע מיט זיך אַליין איינגעשפּאַנט,
האַלטענדיג דעם שופר אין זיין פלאַמיגער האַנד.

שוין לאַנג פון זאַלבונג געווען אַדורכגעווייקט
און אַלעס בייז צום גוטען שוין געווען אויסגעלייגט;
שוין געהאַט געשאַלט די תקיעה און דעם שברים־תרועה,
רופט דער בורא־עולם איהם צוריק
מיט אַ מילי־מיליאָנען שטערען־בליק!

„געהסט דאָך מחיה־מתים זיין, גריס יהודה־לייב פרץ׳ן מיט דער בשורה,
אַז זיין נישט־געבוירען וואָרט לעבט און זינגט פאַר מיר שירה.
און געדענק מיין גוט־האַרציגען כעסן, מענדעלע דעם זיידען;
בפרט שלום עליכמ׳ן, מיין געליעבטען אויסלאַכער פון ליידען.

„דער קאַלטער, פראָסטיגער ערענסט איז דאָך זינט ימי־בראשית,
גלעגען ווי שימעל
באַדעקט, געדושעט און געשטיקט מיין ערד, ים און הימעל,
ביז עס איז געקומען שלום עליכם מיט׳ן גליהענדיגען געלעכטער
און ס׳האָט געפלאַצט די פראָסט צווישען מיינע זיהן און טעכטער.

„נעהם אויך מיט דעם בעכער פון ברכות פאַר בעל־מחשבות,
דעם קערענדיגען קריטיקער פון די ליטעראַרישע אבות;
אַ געטרייע הייבאַם געווען אין די שעפערישע געצעלטען,
וואו מיט׳ן האַמער פון וואָרט ווערען געשמידט וועלטען.

„ער איז געשטאַנען ביי די חבלי־לידה,
ווי דער מלאך הגואל ביי דער עקידה;
מחנך געווען ס׳וואָרט לתורה, לחופה ולמעשים טובים
און פאַרבליבען דער נאָהענטסטער קרוב פון אַלע
קריטיקירענדע קרובים.

„גריס אויך ר׳ יהודה הלוי׳ס טענער־טרעהרען,
זאָג זיי, אַז זיי טהוען זיך פרוכפערען און מעהרען;
זאָג זיי, אַז דו האָסט געזעהן ווי ציון ווערט געבויט
ביי די צוויי בוי־מייסטערס: לעבען און טויט!

„קלאַפּ אָן אין ביאַליק׳ס קבר, למען השם!
זאָג: הער, חיים־נחמן, און פאַרנעהם:
עס וואַקסען פעלזען פון „פערוועלקטען גראָז״....
פאַרגעס נישט, משיח־לעבען, זאָג איהם דאָס.

„ווייל ווער נאָך ווי דו, קראַנקער־געהיילטער, ווייסט,
אַז דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע טרייסט?
יעקב׳ס פריינד און פיינד, זיי אַלע, ווייסען,
אַז ישראל שטעהט אויף תחית־המתים.

„יאָ, איך האָב דאָך עפּעס אַ שם פאַר אַ גרויסען געבער.
טאָ נאָ דיר אַ טעפּעלע זונענשיין פאַר׳ן קוילען־גרעבער;
און דאָ האָסטו אַ בינדטעלע חלומות אינ׳ם לבנה־קייבער׳ל —
אַ רפואה־שלימה פאַר׳ן ניכטערען שרייבער׳ל.

„נאָ דיר אויך אַ שטראַהל אין דער נשמה, ווי אַ נאָדעל אין לאַץ,
פאַר שוסטער און שניידער אַ אמת׳ער שאַץ:

אָהן סחורה, אָהן קנעפּלעך, אָהן לעכעלעך, אָהן פֿאָדים
נעהט עס דיר אויס די וואַרימסטע בגדים.

„און דאָ האָסטו אַ שקעטעלע מיט זאַנפֿטיגע בשמים:
דער ריח־ניחוח פֿון מיין הייליגסטען נאָמען.
יעדער, ס׳אָטהעמט דערפֿון, זאָל ער זיין ווי טויט פֿאַרלוירען,
מיט׳ן אייביגען לעבען געפֿינט ער זיך ניי געבוירען.

„קום צוריק אַ ווייליגקע. זעהסט, אין גאַנצען פֿאַרגעסען
דיר צו געבען אַ קריגעלע מן פֿאַר׳ן אייזעלע צו עסען.
נאָר למען השם, משיח־לעבען, יעדע מתנה און גריס
פֿריש און הייס אין הארץ אַריין גיס!״

„זיי זיכער, טאַטעניו״ — איז איהם מבטיח משיח, —
„אַז די ברכות און מתנות וועל איך נישט האַלטען פֿאַר זיך;
איך שווער דיר ביי דיין שם, וועלט־באַריהמט און הייליג,
אַז קריגען וועט דער צדיק ווי דער רשע זיין חלק...״

צוטיילענדיג דעם אוצר מיט גרוסען, לייגט נאָך צו משיח
אַ קאַפּיטשקע זאַלב־אייל מיט אַ שמייכעל פֿון זיך.
ווערט איהם טרוקען, בוקט ער זיך צום אל־חי
צו ווערען געזאַלבט און געבענטשט אויף ס׳ניי.

און אַזוי ווי ער רייט אַ בגילופֿב׳ער, אַ געזעגענטער,
באַלאַדענט מיט כל־טוב, ווי אַ בערעגענטער;
אַזוי ווי ער רייט דורך דעם האַריזאָנט׳ס גאָלדענע טויערען
און שטערען קלימפּערען אין אייזעלע׳ס אויערען,

פֿרעגט דער שופֿר־של־משיח:
„פֿון וואַנען ווייסטו עס, אייזעלע, אַז משיח איז מצליח?
עפּעס געהסטו נישט, נאָר דו טאַנצסט און שפּרינגסט;
עפּעס רעדסטו נישט, נאָר דו לאַכסט און זינגסט.״

האָט זיך דאָס אייזעלע מיט אַ תשובה צוגעאיילט:
„מיינע אויערען האָבען עס מיר דערצעהלט,
אַז ביי די מלאכי־חבלה און מזיקים
די מיטגלידערשאַפֿט שרעקליך פֿאַלט.
אָבער ביי די ל״ו צדיקים
שטייגט עס — אַ געוואַלד!״

קאַפּיטעל ב.

די קאַרסטעטען-שטאָדט

פּיער פענסטער האָט משיח געהאַט אין זיין הימלישען היכל;
צוויי פענסטער — זיינע אויגען פון הארץ,
צוויי — זיינע אויגען פון שכל.

און ווען ער האָט אַראָפּגעגנידערט מיט'ן אייזעלע,
איז אַלעס געוועזן קלאָהר, ווי דער הימלישער טאָג,
וואָס דאַרף נישט דעם זונען־בעזים
צו פאַריאָגען דעם וואָלקען־צוג.

איינמאָל, ווען אייזעלע'ס האַרץ איז צוגאַנגען
און משיח האָט עס אויסגע'מוסר'ט:
„אַ צו ווייך־האַרציג אייזעלע ביזטו,
מיט דיר צו ברענגען די גאולה;
איך וואָלט געדאַרפט רייטען אויף אַ חיה, פּייער־פלאַם,
פון די חיות־הקודש, פון טיגערישען וואָלקען־פליקערישען שטאַם!"

האָט אייזעלע זיך פאַרטיידיגט:
„אַ, גואל־לעבען, עס איז דאָך נישט מיין שולד,
וואָס איך האָב מיט אַזויפיעל געדולד
געוואַרט אויף דעם טאָג צוואַנציג הונדערט יאָהר;
נישט געריהרט מיט אַ האָר
און אין מיין האַרץ אַריינגעוויינט,
ביז עס איז געוואָרען ווייך,
ווי אַ רעגען־וואַסער טייך!
אָבער איך וועל נאָך אַ העלד ווערען
און שטאָהל אויסשמידען פון מיינע טרעהרען".

און אַזוי ריידענדיג, זיינען זיי פאַרביי־געריטען
אַ שטאָדט פון בלויז קאָרסעטען־פאַבריקען
אין אַן ענג לאַנד, וואָס רופט זיך פריי.
האָט משיח דורכגעלעכערט די פאַבריקען מיט זיינע בליקען;
מיט זיין געהער אין זיי אַריינגעשניטען,
און איבערשראָקען ס׳אייזעלע מיט אַ געשריי: „שטיי!״

אַ פאַרציטערטער האָט זיך ס׳אייזעלע אָבגעשטעלט,
און משיח רעדט דערצו, טהוענדיג עס גלעטען:
„ווילסטו זעהן דאָס גרעסטע אונרעכט אין דער וועלט,
באַגאַנגען געגען מענשען, וואָס מיר ביידע מוזען רעטען?
טאָ קוק אַריין אין דער פאַבריק פון קאָרסעטען
און האָרך זיך גוט צו צום קאָרסעטען־ליעד
פון יעדען געפענטעוועטען ביין און גליעד״.

און משיח האָט זיך אויף אַלע פיער אַוועקגעשטעלט
און ס׳אייזעל אויף איהם — ס׳האָט נאָר אַזוי געקוועלט,
נאָר גלייך ווי עס האָט טיעף אַריינגעקוקט,
איז עס געוואָרען פון פינסטערניש דערשטיקט;
אַראָבגעפּאַלען אַ פאַר׳חלש׳טער פון משיח׳ס פלייצע. —
וואָס טהוט מען? וואָס גיט מען זיך פאַר אַן עצה?

האָט משיח זיך דערמאָהנט, אַז אין זיין צידה־לדרך איז פאַרהאַן
אַ קריעגעלע מיט הימלישען מן.
און גלייך ווי ס׳אייזעלע האָט דערצו געשמעקט,
האָט ער זיך געגעבען אַ קאַפּע,
וואָס האָט עס אויפגעוועקט.

און ווען עס איז געקומען צו זיך, האָט עס געפרעגט משיח:
„דערצעהל מיר, מיין צער־בעלי־חיים׳ניק,
אויב נישט מיט וואָרט טאָ מיט בליק,
וואָס האָסטו דאָס אַזוינס געזעהן אין דער קאָרסעטען־פאַבריק?
נאָר, מריטשע, קוויטשע, שריי אַזוי,
עס זאָל דיך הערען טערק, טאָטער, איד און גוי״.

האָט ס׳אייזעלע געשריגען: „הו!״
האָט מען עס געהערט וואו די וועלט האָט אַן עק,
און פון דאָרט איז דאָס בת־קול צום אין־סוף אַוועק,

אַז שטערען זיינען אַראָבגעפאַלען, ווי אַ נעגער׳ס גאָלדענע צייהן
פאַר שרעק!
„דער גואל־לעבען וועט זיכער געדענקען,
ווען מיר זיינען נאָר אַראָבגעקומען אויף דער ערד
אויף זיך נעמען דעם שווערען עול,
ווי איך האָב דאָס באַוואונדערט די גרויסע אייזלען, די פערד.
אָבער נאָכמעהר האָב איך באַוואונדערט דער פרוי׳ס קול,
אַזוי דין, איידעל און זיס,
ווי פון אַ ווייטען געליעבטען אַ גריס.
באַוואונדערט איהרע טויזענדער חנ׳ען;
איינע אַליין גענוג אַ מיאוס׳ן מאַנספערשוין צו באַשיינען.
באַוואונדערט איהר זיידען לייב,
ווען עס גיט זיך, ווי אַ באַלאָן צום הימעל אַ הייב.
האָסט מיר דאָך אַליין געזאָגט און געשוואוירען ביי דיין דיך,
אַז בלויז איין פרוי צו רעטען
לוינט זיך צו ליידען און צו זיין אַ משיח.
נישט אמת, גואל־לעבען?“

„יאָ, נאָך ווי אמת! אָבער דערצעהל שוין וואָס האָסטו געזעהן,
ווען דו האָסט אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער?“

„הי הו, געשפענסטער, געשפענסטער!
געזעהן דורך די שויבען
ווי יעדע פרוי מיט איהרע טויבען
איינגעשפּאַרט, איינגעדאַרט און איינגעשפּאַנט;
און יעדע — בלאַס ווי די טויטע וואַנד.
די רעדער האָבען זיך געדרעהט, ווי פּלאַנעטען,
און די פאַבריקען אַרום און אַרום האָבען אויסגעזעהן ווי קאַרסעטען.
די רעדער האָבען זיך געדרעהט איבער זייערע קעפּ, ווי מיהלשטיינער.
די פרויען און מיידלעך — ווייס, דין און פלאַך,
ווי די קאָרסעטען־ביינער.
זיי האָבען געזיפצט, געלעכצט און געקרעכצט.
אָבער ווען די מאַשינען רוישען, קען מען קיין זיפץ נישט הערען,
און דער שטויב דערשטיקט און עסט אויף טרעהרען.
דאָס אַלעס האָט אין מיר אָנגעצונדען אַ גרימצאָרן,
ביז עס איז מיר אַזש נישט גוט געוואָרען.
און נישט געוואוינט צו זיין אויף אַן אַנדער׳ן אַ רייטער,
בין איך געגעבען אַ קנאַק אַראָב און געדענק נישט ווייטער“.

האָט משיח געגלעט איזעלע׳ס ווייסען שטערען,
אָבגעוואַשען דעם קאַלטען שווייס מיט הייסע טרעהרען,
זאָגענדיג: „דו אייזעלע מיינס, דו אייזעלע שיינס,
דו וועסט מיר העלפען רעטען ס׳פרויען־געשלעכט
אויך ס׳גאַנצע מענשליכע מין פון אונרעכט!
יאָ?“

„יאָ!“ — האָט ס׳אייזעלע צוגעשאָקעלט לעבעדיג און דינאַמיש.
ווי זאָגט פּרץ? „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע! מיין ניש!“
און דערמיט באַוויזען, דאָס הגם עס איז אַן אינטערנאַציאָנאַל ווערען,
דאָך איז עס אין דער אידישער ליטעראַטור קאָלאָסאַל באַלעזען.

קאַפּיטעל ג.

דאס קארסעטען - ליעד

וועז משיח מיט׳ן אייזעלע זיינען אַרויס פון שטאָדט,
האָט זיי נאָך דאָס קאָרסעטען־ליעד נאָכגעיאָגט.
און זיך געריי‍צט מיט׳ן ליעד
האָט יעדער צאָהן און צונג פון ראָד:
טעררראָררראַם! טעררראָררראַם! טעררראָררראַם!

„אין שטאָדט מאַכט מען קאָרסעטען,
אַ שוויגער זאָל אויסזעהן יונג ווי אַ שניר;
אין שטאָדט מאַכט מען קאָרסעטען,
אַן אביון זאָל אויסזעהן שטייף ווי אַ גביר:
טעררראָררראַם! טעררראָררראַם! טעררראָררראַם!

קאָרסעטען פאַר פאדערשטע לייבער
און פאַר׳ן אונטערשטען גוטען אָרט,
פאַר יונגע מיידלעך און פאַר ווייבער,
ווי אויך פאַר עקספּאָרט:
טעררראָררראַם! טעררראָררראַם! טעררראָררראַם!

קאָרסעטען פאַר עלעגאַנטע פאצעטען,
קאָרסעטען פאַר שטאָלצע ברוסטען;
קאָרסעטען, וואָס בינדען קאמעטען,
זיי זאָלען נישט קענען גלוסטען:
טעררראָררראַם! טעררראָררראַם! טעררראָררראַם!

קאָרסעטען ביז צו די גאָמבעס,
צו יעדער גרויס און פּרייז:

פאַנצערס געגען אַטאָם־באָמבעס —
פּאַר עלעפאַנטען און פּאַר מייז:
טעררראָרראַם! טעררראָרראַם! טעררראָרראַם!

מיט קנעפּלעך צו פאַרקנעפּען,
מיט העקעלעך צו פאַרטשעפּען;
„הוק ענד איי, הוק ענד איי",
מאַנעלע־ווייבעלע זיינען זיי:
טעררראָרראַם! טעררראָרראַם! טעררראָרראַם!

קאַפּיטעל ד.

איוב אויף דעם יושר-בארג

נישט ווייט פון דער קאָרסעטען־שטאָדט
פון ענגע גאַסען און לויזען מאַרק
איז געשטאַנען דער העכסטער פון אַלע בערג.
מ׳האָט איהם גערופען „דער יושר־באַרג״,
ווייל פון יעדער זייט פון באַרג
איז געווען אַ טיעפער טהאָל,
און די לאַנדשאַפט פון די הימלען
האָט אויסגעזעהן ווי אַ וואָגשאָהל.
איז דער אויסלייזער, מיט זיין אייזעלע,
אויף דעם יושר־באַרג אַרויף,
משפט׳ן די קאָרסעטען־שטאָדט
און מאַכען פון איהר אַ סוף.

„איז דאָס ריכטיג אַזוי, כביכול, איך בעט דיך ?״
האָט זיך ביים בורא־עולם געפרעגט משיח,
„אַז די פרוי זאָל אין קאָרסעטען ליגען, ווי אַ וואָרים אין רעטעך ?
געננג עוולות ווערען באַגאַנגען געגען מענער־געשלעכט,
מוז נאָך די פרוי אויך ליידען פון אונרעכט ?״
און דער אויסלייזער האָט די עוולות געגעןביידע געשלעכטען
אַרויפגעלייגט אויף יושר׳ס וואָגשאָהל,
און איבערגעוואויגען האָבען איהרע
אַכט און אַכציג מאָל.
משיח האָט שטאַרק געציטערט עס זאָל, חלילה, נישט געהן אַזוי ווייט,
ווען אַפילו די פרוי וועט אויפהערען גלויבען אין דער געטליכקייט
פון גערעכטיגקייט.

און אַזוי ווי ער ציטערט, צושרייט זיך ס׳אייזעלע:
„הי הו! איך שווער ביי מיין אויגענבליק,
ווי איך זעה אַ תחית־המתים׳ניק!
אוי, איך דערקען איהם, אַ רוח אין איהם! אַ רוח!
יאָ, עס איז ער; עס איז דער אלטער שיכור איוב, ווי דו ביזט משיח".

האָט משיח גע׳צאַרנ׳ט:
„פאַרוואָס שילטסטו איהם, דו חמור־קאָפּ?
האָב איך נישט מיט דיר טויזענדער מאָל געלערענט,
אַלע מענשען צו בענטשען;
דעם פאַרבלאָנדזשעטען אַ וועג צו ווייזען?
האָט ער זיין נשמה פאַרקויפט און פאַרזויפט,
מוז מען זי מיט ברכות אויסלייזען!"

„יאָ, גואל־לעבען", מאַכט ס׳אייזעלע, „האָסט מיך גוט דערצויגען";
און אַראָבגעלאָזט אַ פאַרשעהמטער זיינע חרטה־אויגען.

דאָס געשטאַלט פון איוב׳ן דערנענטערט זיך, און משיח זאָגט צו זיך:
„יעדעס ווינקעלע פון מיין האַרץ איז דאָך שוין באַזעצט מיט צער,
אָ, גאָט, מיין גאָט,
ווי וועל איך נאָך געפינען פאַר איהם אַן אָרט?"
און ס׳דויערט קיין רגע צומאָהל
און איוב ווערט שוין געוואויגען
מיט דער יושר־וואָגשאָהל
פון משיח׳ס אויגען.

איוב האָט געהאַט ס׳גליק,
וואָס משיח האָט פון איהם אָבגעשיילט
די אָנגעפלאַצטע שאהל פון פאַלשקייט
מיט איין שנעלען, שאַרפען בליק.
לאַנג איז זיין געוויסען געלעגען אין שימעל,
זיין נשמה — אָבגעבליאַקעוועט, טויט,
און אָט שטעהט ער ווי אַ ריינער פרישער הימעל
און צוויי זונען לעכערען זיין הויט.

און איוב איז זיך מתוודה:
„איך האָב אין מיין קאָרסעטען־שטאָדט געהערט,
אַז משיח איז שוין צו מזל דאָ

און אויף דעם יושר־באַרג געמאַכט זיין וואוינונג,
בין איך אַהערגעקומען איינשטילען מיין האַרץ, מיין אונרוה.
עס האָט דאָך נישט קיין זין
צו דערצעהלען ווער איך בין!
מיין נאָמען איז דאָך אַ שם־דבר ביז גאָר,
פון אור־אַלטען טעסטאַמענט ביז דער נייער ליטעראַטור;
מ'האָט מיך שוין אַ מיליאַרדען מאָל געמאָלען,

אויף קופּער געקריצט און האָלץ געשניצט,
אין לעהם געקלעבט, אין לייווענד געוועבט.
מיט מיינע צרות האָט זיך יעדער זיינע געטרייסט,
מיט מיין פרעהליכען סוף געמונטערט זיין פאַר'חלש'טען גייסט;
טויזענדער אונגלויבליכע אגדות האָט מען איבער מיר דערצעהלט,
ביז מ'האָט אַזש געזאָגט, אַז איך בין אַ לא היה ולא נברא;
אַזש אַזוי ווייט!
אָבער קיינעם האָט נישט אינטערעסירט צו וויסען,
וואָס איז געוואָרען פון איוב'ן, ווען ער איז שוין געוואָרען אויסגעהיילט.
און אָט בין איך דאָס אַרויפגעקומען צו דערצעהלען,
איהר זאָלט מיינע אינערליכע וואונדען היילען;
איך האָב דאָך אויף אייך אויסגעקוקט שוין נישט פון היינט!" —
און איוב האָט זיך צעוויינט.

האָט ס'אייזעלע'ס צונג, ווי אַ ראַזיר־מעסער, מיט איין גלעט
אָבגעלעקט איוב'ס פּנים;
נישט איבערגעלאָזט פון אַ טרעהר קיין סימן־סמנים.
און איוב האָט ווייטער גערעדט:

„ווען ס'האָבען זיך מיר אויסגעהיילט מיינע קרעץ און געשווירען,
און ווייטער זיך געקויפט גיטער אין לאַנד פון עוץ,
בין איך ווייטער געוואָרען איינער פון די גרעסטע גבירים־אדירים,
מיט זיהן און טעכטער, פון יעדען מין אַ טוץ.
פיה און רינדער האָבען זיך געמעהרט, ווי פליגען;
דאָס זעלבע מיט קעמלען, אייזלען און ציגען.
מיינע זיהן — אַלע קלוגע, כיטרע יונגען! אַ חוץ
די שעהנסטע טעכטער אין לאַנד פון עוץ.
אַלע זיינען מיך מקנא נאָכמעהר ווי פריהער:
עס קומט צו אַ שניר נאָך אַ שניר,

אַן אײדעם נאָך אַן אײדעם —
אַ חברה װי די שדים!
און מיט אײניקלעך און אור־אײניקלעך
װיגען זיך די שטיבען.
װאָס האָט מיר דען געפעהלט?
איך האָב מיר זומער־ און װינטער־שלעסער,
און פליה מיר אַהין אַן צוריק, װי אַ פרײ פײגעלע;
יעדע יבשה — אַ האָניג־טײגעלע,
אַלע טײכען — װײן־פעסער.
נאָר װי איבערנאַכט איז די לאַנד־װירטשאַפט
װי אין דער ערד אַרײן, נישט היינט געדאַכט.
האָב איך מײן האָב און גוטס אויספאַרקויפט
און זיך אין דער מאָדערנער אינדוסטריע אײנגעשרויפט:
אײנס, צװײ, דרײ,
געעפענט אַ פאַבריק נאָך אַ פאַבריק פון קאָרסעטערײ.
אַרײנגעזעצט טויזענדער מאַשינען
און מענשען צעהנער־טויזענדער זײ זאָלען מיר פאַרדיענען.
(און גלויבט מיר, משיח־לעבען, —
לחלוטין נישט נויטיג צו װוערען, —
אַז מ׳קען פון זײ שנעלער
װי פון קעמלען און אײזלען רײך װוערען!)

אין דער ערשטער צײט האָבען זיך די פאַבריקען געשפאָלטען
פון זײערע געשרײען,
װײען און נאָכװײען,
אָבער מיט דער צײט װוערט אַלץ שטיל, װי אַ מויז.
נישקשה, טרעהרען טריקענען זיך אויס.
פאַרקעהרט, די אַרבײטער שטאָלצירען נאָך דערמיט,
װי אַריסטאָקראַטען מיט יחוס־בלוט;
קלאַפּען זיך אין די קאָרסעטען מיט פאַרבײלטע הענד:
„מיר, קאָרסעטען־אַרבײטער, מיר זײנען דער פראָדוקטיװער עלעמענט!“
און מיך, דעם געװעזענעם איש־אלקים פון ספר איוב,
רופען שוין אַלע צײטונגען און זשורנאַלען, מאַגאַזינען און גאַזעטען:
„איוב דער קעניג פון קאָרסעטען!“
און מײן נשמה לעשט זיך אויס פון שעה צו שעה“.

און אַזױ װי עס קלינגט נאָך ס׳בת־קול פון „שעה צו שעה“,
קומט אַרויף אויפ׳ן באַרג דער אויפזעהער פון איוב׳ס אַ פאַבריק,

אין איין האַנד האַלט ער אַ נאַגייקע און אין דער אַנדערער — אַ שטריק,
בוקט זיך און רעדט:
„אדון איוב, איך, דער ווערטלאָזער אויפזעהער
פון האַר׳ס גרעסטער קאָרסעטען־פאַבריק,
קום מיט אַ שלעכטער בשורה; אוי, אַן אומגליק!“
מאַכט איוב:
„אהא, ס׳שפּיעל הייבט זיך שוין ווידער אָן!
נו, רעדט, שטן! רעדט, שטן!“

האָט זיך דער אויפזעהער ווידער געבוקט און מיט ביטערקייט גערעדט:
„איך בין נישט שטן,
אַ לעגענדע דאָרטען;
איך בין נישט שטן!
צעהן יאָהר האָב איך פאַר האַר איוב געברענט און געבראָטען,
איינגעשפּאַנט זיך אין קעניג פון קאָרסעטען׳ס לייצעס
און צובראָכען אייזערנע נאַגייקעס
אויף פרויען׳ס און אויף קינדער׳ס נאַקעטע פּלייצעס.
נייך, איך בין נישט שטן,
אַ לעגענדע דאָרטען;
אַן אויסגעטראַכטער ליגענד!...“

האָט זיך איוב רציחה׳דיג צושריגען:
„שווייג, דו לינקער פריידענקער!
דו גלויבסט שוין אַפילו אין שטן אויך ניט!
דיך דאַרף מען איבערגעבען צו אַ הענקער,
דערשטיקען אין דיר דיין טריפה בלוט.
נו, רעד שוין, רעד! וואָס איז, וואָס איז דיין בקשה?
רעד, נאָר נישט קיין לאַנגע דרשה!

דער אויפזעהער האָט זיך ווידער געבוקט:
„אַלע הענד האָבען רעוואָלטירט;
זיי שרייען: „איוב האָט אונז פאַרפיהרט!
און זיך האָט ער אויפ׳ן יושר־באַרג באַהאַלטען.
אָדער אפשר טרינקט ער זיך אין קיהלען וויין
פון אַ ווייך־קעלער אַ קאַלטען“.
זיי שרייען זיי ווילען שוין
האַר איוב זאָל פאַרקירצען שעה׳ן און העכערען לוין.
אויב נישט, וועלען זיי אַלע פאַבריקען אונטערצינדען
און מיך אַ לעבעדיגען, ווי אַ נבלה, שינדען.

האָט איוב געקריצט מיט די ציינער:
„האָסט מורא, ציטערסט פאַר דיין קרעציג געביין?
שוין לויף צוריק און בינד די בונטאָװטשיקעס אין קייטען,
און זשאַלעווע נישט די נאַגייקע; שנייד זייטען!
געדענקט מיין מאַמאַ:
„מיט׳ן שרץ
לעהרען דרך־ארץ!
נישט בעט,
נאָר טרעט!
פאַרשטאַנען?
נו, געגאַנגען!“

האָט דער אויפזעהער הכנעה׳דיג געקרעכצט: „אוי, וויי!
איך גיי, מעכטיגער האַר, איך גיי“.
האָט משיח צו איהם געזאָגט: „שטעה!
אַהער, דעם אויגענבליק,
די נאַגייקע און שטריק!“
און משיח האָט צובראָכען די נאַגייקע
און צופליקט די שטריק;
און געזאָגט צום אויפזעהער:
„איצט גיי. נאָר דאָס געדענק!
אויב דו װעסט אויפהויבען געגען אַ מענש דיינע הענד,
וועט דיין נשמה פון דער זון פון יושר ווערען פאַרברענט“.
דער אויפזעהער איז צוריק צו דער קאָרסעטען־שטאָדט,
און איוב איז געבליבען זיצען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.
און משיח האָט צו איהם אַזוי גערעדט:
„ענטפער מיר, ווי אַזוי האָסטו געקאָנט זינקען צו אַזעלכע
זלזולים׳דיגע רייד?
אַז אַן איוב זאָל זיך אַזוי דערנידעריגען,
דאָס מוז מען דאָך זוכען ווייט!“

האָט איוב געענטפערט און געזאָגט:
„אויף מיינע אַמאָל לייכטע ליכטיגע פליגלען,
ליגט און שטיקט איצט מענשען׳ס טרויער,
ווי אַ שווערע, בלייערנע מויער.
אין לאַנד פון עוץ איז געווען אַ שפּריכוואָרט:
„אַ באַרג אויפ׳ן קארק
איז נישט אַזוי שווער
ווי יענעמס אַ טרעהר“.

„ווען איך האָב זיך אַלע פיער און צוואַנציג שעה'ן
געוואַלגערט אין אַש דעם גראָהען,
געלעגען אין געהאַקטע וואונדען,
יעדער אבר מיט מכות אָנגעצונדען,
האָט דער שטילסטער זיפץ פון האַרץ פון דער וועלט
אַריינגעדרונגען אין יעדער צעל פון מיין געצעלט.
עס האָבען זיך פאַר מיר ענטפּלעקט
די סודות פון אונטער די בעטען פון די ימים;
אַפילו גאָט'ס קול האָב איך נאָהענט געהערט;
די וואַנד פון שטילקייט צווישען האָט מיר נישט געשטערט.
טאָג איין טאָג אויס האָב איך זיך
מיט די גרעסטע חכמים פון מזרח באַגעגענט און געזעגענט,
מיט זיי, וואָס פאַרשטעהן יעדען רמז פון די הימלישע אויגען
און וואָס האָבען אַזויפיעל וויסען פון די מענשען'ס גורל
פון זייערע שטערען און מזלות געזויגען.
מיט זיי האָב איך זיך דאַך געקאָנט מתווכח זיין גלייך אויף גלייך,
און שירה האָט געפלאָסען פון מיינע ליפּען,
ווי פון די ברעגען פון אַ לעבעדיגען טייך.
אָבער זינט איך בין ווידער אָקסען־שטאַרק און שטיין־רייך
איז מיין נשמה ווי אַ פאַרסמאַליעטער פאַקעל.
עס איז מיר פינסטער, איך קען נישט אונטערשיידען
צווישען אָרט און אָרט,
וואָרט און וואָרט,
כקדמונים איידער שטן האָט איבערגערעדט גאָט.
אַ דיקע פינסטערניש ווי סמאַלע איז אַרום מיר אויסגעגאָסען;
אַלע טויערען אויפגעפּראַהלטע האָט דער חושך פאַר מיר פאַרשלאָסען.

„ווען איך האָב אַזוי געליטען,
בין איך צווישען אַלע דורות
ווי אַ לעבעדיגער עדות געשטאַנען אינמיטען.
איך האָב זיך צוגעהערט צו זייער וויי־געשריי,
און זיי — צו מיין אָך און וויי.
אָבער איצט שטאַרבען מיינע ווערטער אויף מיינע ליפּען,
ממש פון קרירה,
אין אויערען פון מענשען קומען זיי צו קבורה;
צו זייערע נשמות לעבעדיג קומען זיי קיינמאָל נישט,
ווי אָבגעווישט!"

פלוצלינג באַטראַכט איוב ס׳אייזעלע און קלאַפּט זיך אין שטערן:
„איך וואָלט געקאָנט ביי מײַנע פאַבריקען שווערן
אַז דו האָסט פאַר מיר אין לאַנד פון עוץ געקנעכט״.

„יאָ״, ענטפערט ס׳אייזעלע, „האָסט רעכט.
איך האָב פאַר דיר
און פאַר דײַנע זיהן, טעכטער, איידעמס און שניר
אַלערליי פּאַלאַצען געבויט
און אַליין געלעבט אין הונגער און אין נויט.
האָסט מיר קיינמאָל געגעבען עסען צו זאַט;
איך וואָלט מיין אייגען פלייש געגעסען,
ווען איך וואָלט עס נאָר געהאַט...
און ווען איך בין אין הימעל אַרייַנגעקומען,
האָט זיין ליעבער נאָמען
מיך שטאַרק געשוינט
און מיט דער שעהנסטער דיענסט באַלוינט:
איך זאָל העלפען דעם גואל־לעבען׳ס שווערען עול טראָגען.
ער זאָל האָבען צייט די וועלט אויסצולייזען
און כח אַ גרויסע תורה צו זאָגען״.

ווען איוב האָט דאָס דערעהערט,
איז ער געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד,
זיך געבעטען מחילה ביים אייזעלע
און זיך צוטרעהרט.

קאַפּיטעל ה.

משיח לייזט אויס די קאָרסעטען-שטאָדט

אין דער קאָרסעטען־שטאָדט האָט יעדע פאַבריק און פאַבריקעל אויסגעזעהן ווי אַן ענג־פאַרשנורעוועטער, דערשטיקענדיגער קאָרסעט, און יעדעס הויז און הייזעל — ווי אַ קאָרסאַלעט. אָבער פון יושר־באַרג איז ד׳י גאַנצע שטאָדט געלעגען אויסגעלייגט, פאַר׳ן זעהער׳ס אויג, ווי איין גרויסער, אָפענער קאָרסעט.

די בענדער, וואָס הענגען נאָך — די קליינע גאַסען און געסלעך און די פּעסטונגען און תפיסות ביי ברעגען פון שטאָדט — די אייזערנע שנאַלען.

און ווען משיח האָט אַראָבגעקוקט און אַריינגעקוקט, און געזעהן באַשיינפּערליך וואָס דאָרט טהוט זיך, האָט ער געזאָגט צום אייזעלע:

— זעהסטו דאָרט די מענשען קריכען צו דער אַרבייט און פון דער אַרבייט, צו די קראָמען און קרעמלעך, בירזשעס און באַנקען און פון זיי, ווי זעהן זיי אויס? זאָג!

— ווי די לייז, זעהן זיי אויס! זעה איך גוט, גואל־לעבען?

— יאָ, — האָט איהם משיח געענטפערט, — זעהסט גוט.

— און וואָס, למשל, דענקט דער גואל־לעבן צו טהון מיט זיי.

— ווערסט, למשל, באַלד זעהן — האָט משיח געענטפערט.

און משיח האָט אויפגעהויבען די קאָרסעטען־שטאָדט ביי די צוויי עקען און זי געגעבען אַ גוטען, מעכטיגען שאָקעל, און די גאַנצע באַפעלקערונג, איינגעשלאָסען איוב, „דער קעניג פון קאָרסעטען“, זיינען געשטאַנען פאַר זיינע אויגען. און יעדער איינער און יעדע איינע, נישט קיין אינזעקט, נאָר אַ מענש, אַ מענש מיט אַלע זיינע חסרונות, אָבער דאָך דאָס וואונדערבאַרסטע באַשעפעניש; אויף אַלע אָבגעטער געזאָגט געוואָרען.

און אַזוי האָט משיח צו זיי גערעדט:

— איצט זענט איהר אַלע פרייע מענשען, נישט מעהר קיין קאָרסעטען־לייז; און מענשען זאָלט איהר בלייבען! אַכטען און באַוואונדערען איינער דעם

צווייטען; אַכטונג געבען אויף דעם אונשטערבליכען ניצוץ, וואָס געפינט זיך אין יעדען איינעם פון אייך, אַז ער זאָל קומען צו אַ תיקון. געדענקט, פון היינט אָן זענט איהר אַלע אויסגעלייזט!

און ווען זיי האָבען געזעהן וואָס משיח האָט מיט זיי געטהון, ווי ער האָט זיי אויסגעשאָקעלט פון קאָרסעטען־ענגשאַפט און זיי באַהויכט מיט דער ליכטיגער רחבות פון פרייהייט; און ווען זיי האָבען ענדליך דער־פיהלט אין זיך, אַז זיי זיינען נישט נאָר ניי־געבוירען, נאָר אויך פול־געבוירען, דאַן איז יעדענ׳ס פונק פון טאַלאַנט און פלאַם פון גאונות אויפגעגאַנגען און פאַרפלייצט מיט אַ ים פון ליכט דעם יושר־באַרג.

קאַפּיטעל ו.

איוב ווערט משיח׳ס רעכטע האנד

אַמשטאַרקסטען האָט אויפגעפלאַקערט דאָס גאונות פון איובן׳ן. איוב, דער געוועזענער אָריענטאַלער פּרינץ פון אַגריקולטור; און צווישען ביידע רייכע פּעריאָדען — דער מאַיעסטעטישער דיכטער פון ליידען און ערשט וואָס דער וועלט־באַריהמטער „קעניג פון קאָרסעטען״. ער האָט דערפיהלט אין זיך, זינט ער איז געוואָרען אויסגעלייזט און באַפרייט פון אונטערדריקען, אַז מ׳קען דיענען מייסטערהאַפט דאָס געטליכע אין די מענשענקינדער מיט גע־זונדע, ריינע אָרעמס בעסער, ווי מיט קראַנקע און קרעציגע. מיט די פּרעה־ליכע קלאַנגען פון ריין גאָלד און זילבער קען מען אויפוועקען נשמות צו אונשטערבליכער יצירה פיעל לייכטער, ווי מיט שטיינערנע זיפצען און בלייערנע טרעהרען. און ער, איוב, איז געוואָרען דעם מלך משיח׳ס רעכטע האַנד, זיין שני למלך.

צוויי מיסיעס האָט ער געהאַט: (א) אַוועקצושטעלען די אינדוסטריע אויף יסודות פון יושר, (ב) אַוועקצוזעצען די פּאָעזיע אויף דער טהראָן פון תפארת.

זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען און ערפאַהרונגען און וויזיאָנערישע איבונגען און איבערלעבונגען האָבען איהם געגעבען די רייפע חכמה איינצו־פלאַנצען יעדען מענשען אויף זיין אָרט, דאָרט, וואו ער זאָל קענען בליהען, וואַקסען און זיך ענטוויקלען צו דער העכסטער מדרגה פון פּרוכטבאַרקייט.

קאַפּיטעל ז.

די סאָוויעטען-שטאָדט

נאָכדעם ווי משיח האָט אויסגעלייזט די קאָרסעטען-שטאָדט פון קאַפּיטאַ־ליסטישען „פּאופּעריזם" (קבצניזם), די שטאָדט וואָס איז געלעגען אויף דער רעכטער זייט פון יושר־באַרג, האָט ער געווענדעט זיין בליק צו דער קאָמו־ניסטישער סאָוויעטען־שטאָדט, וואָס איז געלעגען אויסגעלייגט אויף דער לינקער זייט פון יושר־באַרג.

די נפקא־מינה צווישען די ביידע שטעדט איז באַשטאַנען אין דעם: בשעת אין דער קאַפּיטאַליסטיש־קבצניסטישער קאָרסעטען־שטאָדט האָבען די קאָרסעטען געגרייכט פון אונטערשטען טהייל ביז צו דער גאָמבע, איינגע־שלאָסען ס'האַרץ, די לונגען, דעם מאָגען, „שלעפּע קישקע" און די איבעריגע אינסטרומענטען פון אַ טויזענד ליידענשאַפטען און חולאת'ן, האָבען די קאָר־סעטען אין דער סאָוויעטען־שטאָדט געגרייכט פון שפּיץ פיס ביז שפּיץ קאָפּ. זיי האָבען געפּענטעט די פינף חושים, זיי זאָלען נישט קענען זעהן, הערען אָדער פיהלען צו ווייט, און די נעזער זאָל זיך נישט פאַרשמעקען דאָס, וואָס דער געזעצגעבער האָט דערפּאַר נישט קיין צו גרויסען אַפּעטיט.

ווי איז געווען דעם, וואָס האָט איין שלייפעלע אויפגעשלייפט, איין קניפּעלע אויפגעקניפּט אָדער איין מאַנעלע־ווייבעלע אויפגעהעקעלט! אפילו שרייען האָט דאָרט קיינער נישט געקאָנט, ווייל די צונג איז געלעגען אין ענגשאַפט פון קאָרסעט, ווי אַ שווערד אין אַ שייד.

האָט משיח אויך די סאָוויעטען־קאָרסעטען־שטאָדט אויפגעהויבען ווי די אַנדערע שטאָדט, און מיט אַ גיגאַנטישען גוג־מגוג'ישען טרייסעל זי גוט אויסגעשאָקעלט, און נישט אויפגעהערט שאָקלען, ביז ס'האָבען געפּלאַצט אַלע קניפּען און שנורוואָדלעס; ביז אַלע שנאַלען האָבען געעפענט זייערע פאַר־ציקענדע פּיסקעס און פרייגעלאָזט זייערע קרבנות.

דאַן האָבען ביידע באַפרייטע שטעדט אויסגעשטרעקט הענד פון פריינד־שאַפט, און ביידע באַפעלקערונגען האָבען געטאַנצט אַרום און אַרום דעם יושר־באַרג דעם טאַנץ פון שלום, און דער באַרג האָט מיט זיי מיטגעטאַנצט דעם קאָראָהאָד פון פרייהייט.

קאַפּיטעל ח.

ס׳אייזעלע הרג׳עט א מענשען

צומאָרגענס איז ס׳אייזעלע געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר און זיך לאַנג געזוימט.

צוריקקומענדיג, פרעגט עס משיח:

— פאַרוואָס איז עפּעס דיין ווייסע פעל אַזוי שוואַרץ און דיינע שוואַרצ־אַפּלען — אַזוי רויט?

ענטפערט ס׳אייזעלע:

— ווייל איך האָב פון אַ לעבעדיגען מענשען געמאַכט אַ טויטען.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטהון?

— ווייל איך האָב געוואָלט דאָס לעבען פון דעם גואל־לעבען רעטען.

האָט משיח גערעדט סאַרקאַסטיש:

— אַזוי, דעם רעטער ביזטו געגאַנגען רעטען! גאַנץ שעהן, גאַנץ שעהן. דערצעהל מיר בעסער מיט פּרטים וואָס דאָרט איז פאָרגעפאַלען.

ענטפערט ס׳אייזעלע:

— אַזוי, שטעהענדיג אויף דעם יושר־באַרג, האָבען מיינע אויערען דערהערט, אַז אין לאַנד פון ענג פלאַנט אַ שונא צו הרג׳ענען דעם גואל־לעבען. בין איך אַהין צו איהם. מיט איין שטויס פון מיין קאָפּ איז ער אומגעפאַלען, און מיט צוויי קלעפּ פון מיינע פאָדערשטע פיס האָב איך דעם טויט אין איהם אַריינגעהאַמערט. אַזאַ חוצפּה! אַזאַ אינטריגאַנט! אַזאַ דילע־טאַנט! מיין גואל־לעבען געהט ער טויטען!

זאָגט משיח צו איהם:

— ווייסטו נאָך נישט, אַז איך בין אונטויטבאַר? צו וואָס האָסטו עס געטהון? איך בין געקומען געבען לעבען די טויטע, און דו געהסט און הרג׳עסט מיר אַוועק די לעבעדיגע; מאַכסט מיר אומזיסט מעהר אַרבייט! שוין, די רגע, ברענג דעם מת אַהער!

האָט ס׳אייזעלע אויסגעשטרעקט זיינע אויערען, ביז זיי האָבען דער־גרייכט צום לאַנד פון ענג; און אַזוי האָבען זיי, ווי מאַגנעטען, אויפגעהויבען

דעם טויטען און איהם געבראַכט אַרויף אויף דעם קאָפּ פון באַרג, און איהם אַוועקגעלייגט פאַר די פיס פון משיח'ן.

דאַן האָט משיח געזאַלבט זיינע וואונדען, און ער איז שטאַרק לעבעדיג געוואָרען; נאָך לעבעדיגער, ווי ווען ער איז פריהער געוועהן.

און ער איז געוואָרען איינער פון משיח'ס איבערגעגעבענסטע אָנהענגער.

קאַפּיטעל ט.

דער אַנטי-משיח׳יזם קריגט א טויט-קלאַפּ

ווען די אַנטי־משיח׳יסטישע חברות פון לאַנד פון ענג, פון די לענדער פון די סאָוויעטען, פון מדינת ישראל און פון די איבעריגע זיבען און זעכציג מדינות האָבען געהערט ווי דאָס אייזעלע האָט געהרג׳עט זייער׳ס אַ פיהרער און ווי משיח האָט איהם צוריק צום לעבען געבראַכט, האָט עס זיי שטאַרק אויפגעקאָכט, און ס׳זיינען איבערגעלאָפען זייערע פון שנאה פער׳סמ׳טע בלוטען; און די בלוטען איבערלויפענדע האָבען זיך פעראייניגט צו דערקלערען קריג משיח׳ן, דעם אייזעלע און דעם יושר־בארג. דאָס, וואָס ס׳אייזעלע האט גע׳הרג׳עט זייער פיהרער, האָט זיי נישט אַזוי געקרענקט ווי דאָס, וואָס ער איז צוריק לעבעדיג געוואָרען און איז אזאַ איבערגעגעבענער חסיד, מ׳קען זאָגען „אַ גענעראַל״ אין מלכות פון משיח.

זיינען זיי געגאַנגען און געשיקט אויף משיח׳ן אַן אַרמיי פון פערציג טויזענד זעלנער; אַלע, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין די גרעסטע שחיטות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיט די לעצטע כלי־זיין, וואָס זיינען ערפינדען געוואָרען שוין נאָך דער וועלט־מלחמה.

און פון בלאָה־וויסען ארבע כנפות פון די הימלען האָבען זיי געוואָרפען ראַקעטען און אַטאָם־באָמבעס. מיליאָנען אַרמייען מיקראָבען האָבען זיי געלאָזט אַהינפליהען און טייכען סם אַהינפלייצען; דערצו נאָך אונטערגעגראָבען דעם יושר־באַרג מיט די שאַרפסטע ליגענס און מיט די בלוטיגסטע בילבולים איהם אַרומגערינגעלט.

אָבער „גליקליכער ווייזע״ איז אַלעס געוועהן אומזיסט, ווייל ווען דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשען און דער רויך איז צעגאַנגען, ווען דער סם האָט זיך אויסגעוועפּט און די מיקראָבען האָבען אַוועקגע׳חלש׳ט, האָבען די שונאים געזעהען ווי משיח זיצט זיך רוהיג אויף דער פלייצע פון אייזעלע, און ס׳אייזעלע — אויפ׳ן קאַרק פון באַרג; און דעם אייזעלע׳ס וויס־זילבערנע

פעל שמייכעלט. זיי האָבען געזעהען ווי דער יושר־באַרג איז געזונד, גרין און פריש. אפילו נישט איין טראָפּען טהוי האָט געפעהלט אויף די געזאַלבטע גרעזעלעך. און אינטערעסאנט איז דאָס, וואָס אויך פון דער פערציג טויזענד קעפּיקער אַרמעע האָט נישט איין קאָפּ געפעהלט.

ווען זיי האָבען געזעהען די אותות ומופתים, האָבען זיי זיך געבוקט צום באַרג און געוואָרען גלויביגע — טהייל שוין אָבערגלויביגע — אין משיח׳ן און אין זיין אייזעלע. און די גאנצע אַנטי־משיח׳יסטישע בעוועגונג האָט דאַדורך געקראָגען איהר טויט־קלאַפּ; און איז נישט מעהר אויפגעשטאנען תחית־המתים.

קאַפּיטעל י.

דאָס הילצערנע אייזעלע

נאַטירלעך האָט משיח ליעב געהאַט קליינע קינדער. אויב נישט, וואָלט ער דאָך נישט געקאָנט ווערן משיח. נאָר אַזוי ווי ער האָט געהאַט גענוג צו טוהן צו בעפרייען די דערוואַקסענע פון צופיעל דערוואַקסענקייט, האָט ער צו וועהניג צייט געהאַט צו אַמוזירען די קינדער. אָט די וויכטיגע עבודה האָט ער איבערגעגעבען אין רשות פון אייזעלע; און ס׳אייזעלע האָט אויסגעפיהרט די מיסיע מיט אונערהערטען ערפאלג. קודם כל, האָט עס גערעדט די אינטער־נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס אלע קינדער קענען.

אָבער, דער עיקר, האָט עס ענטציקט די קינדערלעך מיטן גראַציעזען און קאָמישען טאַנצען.

עס האָט געטראָגען אַ זילבערנעם האַלזבאַנד מיט גאָלדענע קלימפּערלעך. יעדעס קלימפּערל איז געוועזן אַ קמיע, ווייל עס האָט געהאַט גראווירט דרינען אַ פּאָעטישע ברכה. און ווען ס׳אייזעלע האָט געטאַנצט, האָבען די קלימפּערלעך בעגלייט אַזוי געטריי, אַז אַלע ברכות פון דער פּאָעזיע זענען באותו הרגע מקוים געוואָרען.

איינמאָהל האָט ס׳אייזעלע אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער פון אַ שפּיעל־צייג געשעפט. אין פענסטער האָט עס געזעהען שטעהן אַ קליין, הילצערען אייזעלע, געשאַפען פון אַ גרויסען קינסטלער. דער קינסטלער האָט זיין גאַנץ שפּיעל־האַרציגקייט דערין אריינגעשניצט און אריינפּאָלירט. דאָס הילצערנע אייזעלע האָט זיך אָבער געפיהלט ענג און קאַלט אין דעם שפּיעלצייט געוועלב, ווייל דער אייגענטהימער איז געוועהן אַ מענטש אָהן דער וואַרעמקייט פון רחמנות און זעלבסט־פאַרשטענדליך, אָהן דעם פייער פון הומאָר. און פון דרויסען האָט משיח׳ס אייזעלע געזעהען ווי אין געוועלב שטעהט אַ קליין מיידעלע. איהר גאָלדען קעפּעלע איז געוועהן געשפּאַנט אין צוויי גאָלדענע צעפּ, וואָס האָבען דערגרייכט ביז די קנעכלען. און דאָס מיידעלע בעט זיך ביים סוחר מיט אונטערשטער ווייסעל פון איהרע בלאה־אַפּלען ארויף צו איהם, ער זאָל איהר פערקויפען דאָס הילצערנע אייזעלע פון שוי־פענסטער.

און דער סוחר טרייבט זי אַוועק פון זיך:

— דו האָסט דאָך נישט אַזויפיל געלד, וויפיעל דאָס קאָסט.

זאגט דאָס מיידעלע:

— איך וועל דיר געבען די לבנה.

זאָגט ער:

— פערדרעה מיר נישט קיין קאָפּ מיט דיין לבנה.

רויטעלט זיך דאָס מיידעלע:

— איך וועל דיר געבען אַ קוש.

שרייט ער:

— קוש! קוש! וואָס קען מען טוהן מיט אַ קוש?

ענטפערט ס׳מיידעלע מיט אַראָבגעלאָזטע, קושנדיגע אויגען־טהירעלעך:

— מ׳קען קושען אַ קוש.

איז געגאַנגען דער סוחר, גענומען אַ שטעקעל, געשלאָגען ס׳מיידעלע און עס אַרויסגעשלאָגען פון זיין געוועלב; און נאָך נאָכגעוואָרפען זיינע שמוציגע קללות.

וואָס האָט ס׳משיח׳ישע אייזעלע געטון? עס האָט צעבראָכען ס׳שוי־פענסטער, בעפרייט ס׳אייזעלע און עס געגעבען צום וויינענדיגען מיידעלע.

דער סוחר האָט דעם זעלבען טאָג גערופען ס׳אייזעלע צו אַ דין־תורה פאַר משיח׳ן.

און משיח האָט גע׳פסק׳ענט, אַז זיין שפּיעלצייג זאָל ווערען צוטהיילט צווישען די שפּיעלצייג־נויטבעדערפטיגע קינדער; און איהם האָט ער גע־באָטען צו עפענען אַ שטעקעל־קראָם.

האָט דער סוחר גע׳טענה׳ט, אַז ער האט נישט קיין געלד דערצו. האָט משיח אויסגעשניטען אַ שטיקעלע גאָלד פון דער לבנה און עס איהם געגעבען, אַז ער זאָל זיך קויפען שטעקעלעך פאַר׳ן שטיקעלע.

(הגם עס פעהלט טהיילמאָהל אויס דאָס שטיקעלע, בעקלאָגט זיך אבער קיינער נישט דערויף, ווייל זינט משיח איז געקומען איז ליכטיג גענוג אָהן דעם.)

דער שטעקעל־האנדעל האָט געפּאַסט דעם סוחר, „ווי אַ הענטשקע״!

דאָס אייזעלע איז געוואָרען בעלוינט מיט נאָך אַ קמיע־קלימפּערל פאַר זיין האַלזבאַנד.

און דאָס מיידעלע?

דאָס מיידעלע איז געוואָרען אין דער משיח׳יסטישער יוגענד־בעוועגונג אַ פיהרענדע פיגור.

אויף אַלע דעמאָנסטראַציעס און פּראָצעסיעס האָט זי געטראָגען צוויי גרויסע פעהנער אין איהרע קליינע, צאַרטע הענדטעלעך און צוויי קלייגע פענ־דעלעך אין איהרע לאַנגע, שטראַהלענדע צעפּ.

און אויף אַלע פעהנער און פעהנדעלעך איז געוועהן דער עמבלעם — דאָס בעפרייטע הילצערנע אייזעלע.

קאַפּיטעל יא.

דאָס טהעאַטער שפּיעל

משיח׳ס טרייסעל איז געווען פּשוט אַ טראַגעדיע פאַר׳ן אידישען טעאַטער, ווייל די דראַמע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט אויפן יושר־באַרג האָט אָבגע־צויגען דאָס פּובליקום, נישט נאָר די סנאָביסטישע אינטעלעקטואַלען נאָר אויך „עמך" האָט זיך ניט באַוויזען.

ווען ער געהט אַזוי אָן נאָך אַ שטיקעל צייט וואָלטען די אַקטיאָרען גע־שטאָרבען פון הונגער און די דירעקטאָרען — פון דורשט.

האָט זיך מישב געוועהן דער סטאַר־אַקטיאָר — און רעזשיסאָר און איז מיט זיין פּרימאַדאָנע און מיט דער גאַנצער טרופּע, ווי מחמד גע־גאַנגען צום באַרג און דאָרט אָפּגעשפּילט אַ סאַטירע אויף משיח׳ן:

דער סטאַר־אַקטיאָר, און רעזשיסאָר,
האָט זיך פאַרשטעלט פאַרן שור־הבר,
די ראָלע פון לויתן,
האָט ער געגעבען דעם לאַנגען נתן,
די פּרימאַדאָנע האָט ער שוין איינמאַהל פאַר אַלעמאַהל
אויסגעפּוצט ווי אַ נאַכטיגאַהל
און די איבעריגע אַקטאָירען האָט ער פאַרשטעלט
ווי חיות און עופות
צו אַמוזירען דעם באַפרייטען דור
און דערצערנען משיח׳ן און זיין חמור
און דערנעבען
טאַקי מאַכען אַ שטיקעל לעבען.

אין פלוג האָט זיך דער עולם שטאַרק דערשראָקען, נאָר דאָס אייזעלע האָט זיי אַלע באַרוהיגט: „שרעקט ניט! איהר אַלע זענט אין גוטע הענט!

דער כאָר האָט זיך געכאָרכעלט די העלזער און די נאכטיגאל האָט גע־זונגען.

דאס זייגערל

טיק, טיק! טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

האָב איך מיר אַ זייגערעל,
אַ שווייגערעל, אַ פגר׳על,
זיך איינגעי׳עקשנ׳ט, ניין און ניין,
וויל נישט מעהר קיין רגע געהן.

ווי אלע, אלע זייגערלעך,
האָט עס אויך צוויי צייגערלעך:
שלאָפט ס׳פּאָר פאָלק אויפ׳ן בעטעלע,
אויפ׳ן ציפער־בלעטעלע.

פערזוכען זיי אַ קליין ביסעלע
פון מיין קליינטשיק שליסעלע,
גיט זיך עפּעס דאָרט אַ ריהר
פון יענער זייט הינטער־טיהר.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

קלאַפּ איך — טיק, טיק, טיק! — אין שייבעלע,
שרייט דער מאַן אויף זיין ווייבעלע:
— שלאָפען, שלאָפען, אייביג פּאָפּען!
ריהר זיך, פוילאַק, איך וויל שלאָפען!

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

שרייט דאָס קליינע ווייזערעל:
— קוקטס נאָר אָן מיין קייזערעל!
הייב דו זיך אויף, דו גרויסער ביק,
נו, גיב זיך שוין, שוין איצט אַ ריק!

מיך רופסטו, רופסטו פוילאַק?
אוי, ביזטו, ביזטו אַ שלאַק!

וואָס אַ גאַנצען טאָג דו טוסט דאָ,
טוה איך דאָך אין איין שעה.

וואַרט, איך וועל דיר, דיר שוין ווייזען!
מ׳מוז דאָך האָבען אַ האַרץ פון אייזען,
נאָר טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
נאָר טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

געהט גרויסער ווייזער צו צו איהר:
— כ׳ליעב דיך, האַרץ מיינס, פונקט ווי פריהער.
גיי שוין, גיי! גיי שוין, גיי!
ווייסט דאָך, כ׳בין דיר אייביג טריי.

זאָגט זי: טאַקע?
זאָגט ער: טאַקע!
זאָגט זי: טיק?
זאָגט ער: טיק!

זאָגען ביידע: טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

שלאָפט זי איין אונטער׳ן שייבעלע,
אַ מיעד ווייבעלע ווי אַ טייבעלע;
עס געהט נישט אַוועק אַ פערטל שעה,
און ער איז שוין ווייטער שוין נישטאָ.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

פון ביידע זייטען פאַ־סי־פיק, אַט־לאַנ־טיק,
יעדער איינער האָט אַ טיק, טיק, טיק!
יש־ראָ־ליק, ע־מ־לק, באָל־שע־וויק,
יעדער איינער האָט אַ טיק, טיק, טיק.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

טאָ וואָס טוט מען, וואָט טוט מען מיט אַזעלכע ווייזער
גרויסער מעכטיגער אויסלייזער ?
אַז נאָר טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
אַז נאָר טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

נאָך דעם ווי די פרימאַדאָנע איז געוואָרען זיבען מאָהל אַפּלאָדירט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם עלעפאַנט ער האָט זי אַוועקגעטראָגען און געבראַכט דעם שור־הבר אַליין.

דעם שור הבר׳ס ליד

מיין מלך משיח־בן־דוד,
נאָר איהם, נאָר איהם, געב איך כבוד!
משיח׳ס קרוין דערנער,
ווי איך — ביק מיט הערנער!

מיין משיח, עסט גראז ווי איך,
עסט אַרבעס, ווי איך
מיין משיח געהט בארוועס, ווי איך,
ווי איך, אָהן שיך.

פאַר מיין משיח דעם גערעכטען,
איך זיך לאָז בינדען, שינדען, שעכטען,
באַקען, פּרעגלען, בראָטען,
מיך און מיין שאָטען.

רשעים מיך נישט פרעסען,
נאָר צדיקים מיך עסען,
נאָגען מיין ביינדעלע און ביין —
מיר, אַה, גוט זיין.

איך אַה, אַה, זאָג:
נאָג, צדיק, נאָג!
נאָג, צדיק, נאָג!

דער שור־הבר בעלעקט זיך, פאָסמאַקעוועט זיך און זינגט בעגלייט פון דעם כאָר:

צדיקים מיך מיט גאַרטלען בינדען:
— בינד, בינד, בינד!
חלף־פייער אין אויגען צינדען:
— צינד, צינד, צינד!

מיט אַ הייליגער ברכה וועט שוחט שחט'ן:
— כיק, כיק, כיק!
אַ קאַנטשיק פון מיין זגב וועט מלמד פלעכטען:
— קליק, קליק, קליק!

אַבשינדען וועט מען מיינע פעלצען:
— אָה, פעלץ, פעלץ, פעלץ!
מיינע פעטע גריוועו צדקניות שמעלצען:
—— אָה, שמעלץ, שמעלץ, שמעלץ!

מיינע ביינער צדיקים נאָגען:
— נאָג, נאָג, נאָג!
משיח בן־דוד וועט תורה זאָגען:
— זאָג, זאָג, זאָג!

אַ שופר וועט פון מיין האָרן בלאָזען:
— בלאָז, בלאָז, בלאָז!
פושעים וועלען אַנטלויפען ווי האָזען:
— האָז, האָז, האָז!

מיינע ביינער וועלען קראַכען:
— קראַך, קראַך, קראַך!
פון מיינע ריפען קאָטלעטען מאַכען:
— מאַך, מאַך, מאַך!

שלינגען לינגען וועט צרה־ביילע:
— ביילע, ביילע, ביילע!
די לעבער אויפעסען אָהן אַ שאלה:
— שאלה, שאלה, שאלה!

אַ גלעזעל משקה וועט מען טרינקען:
— טרינק, טרינק, טרינק!
דעם לויתנ'ס אויגען ווי וויין ווינקען:
— ווינק, ווינק, ווינק!

מיין חבר לויתן וועט זיך בעטען:
— בעט, בעט, בעט!
שמאָטשקעט, אידען, מיינע גרעטען:
— גרעט, גרעט, גרעט!

דאָס אָפּ׳חוזק׳ן פון דעם שור־הבר האָט שטאַרק פאַרדראָסען ס׳אייזעלע, און עס איז געשטאַנען גרייט צו צו׳מזיק׳ען די גאַנצע טרופּע. נאָר משיח האָט איהם איינגערוימט:

— טוה זיי נישט קיין שלעכטס! געדענק! אפילו אַקטיאָרען זיינען אויך מענטשען....

קאַפּיטעל יב.

יאַנקעלע

ווען משיח האָט אויסגעשאָקעלט די קאַפּיטאַליסטישע־פּאַפּאַריסטישע קאָרסעטען־שטאָדט, איז פון איין געסעלע, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט דיאַ־מאַנטען און מיט פּערל און מ׳האָט עס גערופען „דער חזיר מאַרק״, אַרויס־געפאַלען אַ קליין פּויליש אידעלע, ווי אַ ברעזעלע פון אַ חמץ־בייטעלע; און איהם האָט מען גערופען יאַנקעלע.

אין זיין צו לאַנגען פּאַלטען, אונטער זיין האַרטען קאַפּעליוש איבער די אויערען, און מיט צירונג אָנגעפּאַקט אין אַלע טאַשען, האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ גוט אויסגעפּאַשעט אידעל. און די ענערגיע, וואָס ער האָט פּערטאַכ־לעוועט אין רייד, בליקען און אין זשעסטיקולאַציע, וואָלטען געניגט פאַר דער מעכאַנישער טרייב־קראַפט פון אַ גאַנץ שטעדטעל.

אויף יאַנקלען האָט אפילו משיח׳ס שאָקעל נישט געמאַכט קיין רושם. „אידען, האָט ער געשריגען, „וואָס איז די מציאה מיט משיח׳ן? נו, איז ער געקומען; נו, איז וואָס? דאַרף מען שוין קיין לעבען נישט מאַכען? מה רעש? גאָרנישט! אַ משוגענע וועלט! פון אַלעם מאַכען זיי אַ צימעס!״

און ווען יאַנקעלע איז געוואָהר געוואָרען, אַז משיח שטעהט איין אויפ׳ן יושר־באַרג, האָט ער צו זיך געזאָגט: „כ׳זאָל אַזוי לעבען, ווי מ׳דאַרף עפּעס פּערדינען אין איהם!״

און יאַנקעלע האָט זיך אָנגעטהון זיין לאַנגסטען ציצה־כנפות, אָנגעלאָדענט זיינע טאַשען מיט מעהר סחורה און אַרויף אויף דעם יושר־באַרג עפּעס פּער־דיענען.

אויפ׳ן באַרג זיינען שוין געוועהן אַ היבשער עולם פון בעפּרייטע מענשען. משיח איז געוועהן אין אַ גוטער שטימונג און ס׳אייזעלע האָט זיך אונטער־געלעהנט ס׳האַרץ מיט אַן עקסטראַ פּאַרציע מן.

ווען משיח האָט דערזעהען יאַנקעלען זיך דערנעהנטערען, האָט ער גע־זאָגט צום אייזעלע:

זעהסט נישט אַ מענטש געהט? וויש דיר אָב דאָס מויל.

דאָס אייזעלע האָט קוים געדאַנזשעט זיך אַפּצואווישען ס׳מויל, און יאַנקעלע עפּענט שוין זיין מויל, און עס פליסען און גיסען זיך רייד איבער רייד. און דאָס זיינען בלויז עטליכע טראָפּענס פון יאַנקעלע׳ס ים פון רייד:

— אַ גוטען מאָרגען אייך, משיח־לעבען! קוים אין צרות זיך דערוואַרט אויף אייך. גם זו לטובה! אוי, לאַנג לעבען זאָלט איר! איך האָב געבראַכט אַ פּאָר פּערגרעסער גלעזער. גיט אַ קוק. אַ גרויסע מציאה, זאָל איך אַזוי לעבען! איהר זעהט אודאי בעסער אָהן זיי, האַ, האַ, האַ? מאַן וואָב האָט מיר אָבער געזאָגט: נעם נישט מיט די גלעזער. משיח וועט זיי נישט קויפען; זאָל איך אַזוי הערען שופר של....וואָס רייד איך פּאָר אַ שטות! אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. אַ קלוגע אידענע, זי וואָלט נאָר נישט געווען אַזאַ מרשעת. האָב איך אָבער פּאַר משיח־לעבען דאָ אַ בשמים־ביקסעלע. איי, איי, איי, איז דאָס אַ צאַצקעלע (און ער קושט זיך די פינגער). מיין רבי האָט עס געבראַכט אַזש פון פּוילען. די נאַציס האָבען עס געוואָלט צונעמען, האָט דער רבי גע־זאָגט: ׳ביין, איר קענט ביי מיר אויסשניידען ס׳האַרץ, אָבער נישט ס׳בשמים־ביקסעלע. ס׳האָט דאָך באַלאַנגט צום בעל־שם־טוב!״

— אַזוי, — מאַכט צו איהם משיח, — באַלאַנגט צום בעל־שם־טוב?

משיח האָט דערפון געשמעקט, און עס געגלעט מיט ליעבשאַפט זאָגענדיג:

— אַ קליינינקייט, דער ריח ניחוח פון בעל־שם־טוב? אַ טהייערע זאַך!

יאַנקעלע האָט דערשמעקט, אַז דאָס בשמים־ביקסעלע האָט געפּאַגגען משיח׳ס האַרץ, צעקאָכט ער זיך שוין אַזוי אויף אַן אמת:

— ס׳טאַטש אַ טאַרע זאַך? ס׳טאַטש אַ טאַרע זאַך? כל הון דעלמא כולא (ס׳גאַנצע רייכטוהם פון דער וועלט) קען עס דען קויפען? וואו איז נאָך דאָ אַ צווייטס? נאָר גאָרנישט, אַזוי ווי עס האָט געפונען חן אין משיח׳ס אויגען וועל איך נעמען דרייסיג פונט.

משיח, גלעטענדיג ליידענשאַפטליך ס׳בשמים־ביקסעלע:

— דרייסיג פונט?! פאַרוואָס ביזטו אַזוי טהייער? ווייל איך האָב עס אַזוי ליעב? אוי, ביזטו אַ טהייער יאַנקעלע!

— איך שווער ביי גאָט, ס׳קאָסט מיך....

— ששש, עס איז שוין היילינג געגוג אָהן דיין שבעה.

—זאָל איך אַזוי....

משיח האַקט איהם איבער:

— איך וואָלט עס געקויפט ביי דיר, אָבער איך בין דאָך אַראָבגעקומען אָהן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, און דו ווערסט דאָך מיר נישט געטרויען?

ווערט שוין יאַנקעלע שטאַרק אויפגערעגט:

— נישט געטרויען?! ס׳טאַטש נישט געטרויען, ס׳טאַטש נישט געטרויען? ער חזר׳ט דאָס איבער אונצעהלבאָרע מאָהל און, בשעת מעשה, לעהדיגט ער אויס זיינע עטליכע און צוואַנציג טאַשען און טעשלעך; און אויף דעם יושר־באַרג וואַקסט אויס אַ באַרג פון כלערליי ציהרונג: פאַטשערקעס, שאַכ־

טעלעך, שקעטעלעך, רינגעלעך, שמאנקעס און בראַנקעס. עס ציהען זיך פון זיינע טאַשען קייטען, ווי שלאַנגען, און זייגערלעך, ווי בייגעל. דער באַרג ציהרונג ווערט גרעסער און גרעסער, און יאַנקעלע אַליין בלייבט שטעהן אַ דין־מאגער, איינגעפאַלען אידעלע, אלץ שרייענדיג: — ס׳טאַטש נישט גע־טרויען? משיח־לעבען קען האָבען דעם גאַנצען באַרג מיט סחורה אויף קרע־דיט, ווילאַנג איהר ווילט נאָר אַליין. אויף דראַ חדשים, דראַ יאָהר, צעהן יאָהר צוואַנציג, דראַסיג? ס׳טאַטשט נישט געטרויען?!

ער איז געוואָרען אַזוי אויסגעמאַטערט פון זיינע אויפרעגענדיגע גע־שרייען, אַז ער האָט זיך געמוזט אַוועקזעצען אַברוהען, אַבכאַפּען דעם אָטעהם.

דאַן האָט ער מעדיטירט הויך אויפ׳ן קול:

— און אפשר טאָקע נישט געטרויען? כ׳ווייס, האַנטיקע צאַטען; האַנט איז ער טאַ־אַקישש משיח, און מאָרגען איז ער אַ שמש אין בויבעריק! גיי, רוף מיך קנאַק־ניסעל.

און ער רעדט צו משיח:

— מאַן וואַב, מאַן צרה־ביילע הייסט עס, איז נעבעך אַ חולה־מסוכנת, זי דאַרף האָבען אַ טאַרע אַפּעראַציע, דאַרף זי האָבען מיט׳ן לעבען. נישט פאַר אייך געדאַכט, דאַרף איך באמת האַנט נויטיג ס׳געלט. אויב נישט געלד, איז אַ שטיינדעל, אַ פּערעלע; וואָס ס׳זאָל נישט זאַן, אַבי עפּעס.

האָט משיח אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנד צום הימעל, אוועקגעבלאָזען דעם פוך און אויסגעפליקט אַ פולע האַנד מיט שטערען, און מיט דער לינקער האַנד אויסגעריסען פון יושר־באַרג עטליכע גאָלדענע בלימעלעך, אַריינ־געזעצט אין יעדען בלימעל אַ שטערען זאָגענדיג:

— נאַ, יאַנקעלע, דאָ האָסטו דיר אַ קרוין פאַר׳ן בשמים־ביקסעלע. צו־פרידען?

יאַנקעלע בעטראַכט די קרוין מיט אַ ליופע. איבערגערעכענט ס׳געוויכט און די ווערט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער, זיך אָנגעמאָסטען די קרוין אויפ׳ן קאָפּ, זי אַראָבגענומען און געקנייטשט מיט׳ן שטערען, ווי עס וואָלט נאָך ביי איהם געוועהן אַ ספק, צי ער זאל מאכען ס׳געשעפט. פלוצלונג האָט ער משיח׳ן געגעבען די האַנד:

— מזל און ברכה!

אין דעם האָט מען געהערט אַ געשריי פון אַ אידענע:

— יאַנקעלע! וואו ביזטו אַהינגעקומען, צו אַלדי רוחות?!

יאַנקעלע ווערט מטושטש, פּאַקט שנעל צוריק אין זיינע טאַשען איין ס׳ציי־רונג רעדענדיק צו זיך:

— געשעפטען ליגען האַנט אין דער ערד. עס איז נישט ווי פאַר משיח׳ס צאַטען. דעמאָלט האָט מען טאָקיש געקענט מאַכען אַ לעבען. נאָר, ווי זאָגט מאַן וואַב, מ׳טאָהר נישט זינדיגען.

ער נעמט ווייטער אין האַנד אַריין די קרוין, קוקט אויף משיח׳ן מיט חשד, זאָגענדיג צום עולם:

— עס זאָלען נאָר זיין אמת'ע שטיינדלעך. וואָס די בעלי־מופתים קענען! ער בעטראכט זיי נאָכאַמאָהל און זעהט, אַז זיי זיינען אָבער פּאָרט אמת'ע. מאַכט ער: — אַ גוטען טאָג, משיח־לעבען! — און צום עולם ווייזט ער מיט אַ פינגער צו זיין שלייף און מיט אַ וואונק אין אויג, ווי איינער זאָגט: — עס פעהלט איהם אַ קלעפּקע אין קאָפּ.

ס'אייזעלע האָט געוואָלט יאַנקעלען בעליידיגען דערפאַר. אָבער משיח האָט איהם איינגעשטילט:

— באַליידיג איהם נישט. געדענק, עס איז אַ מענטש. אַ קליינִיקייט אַ מענטש?!

קאַפּיטעל יג

משיח ענטפּלעקט דעם מענטש פאַר'ן אייזעלע

נאָכדעם ווי יאַנקעלע איז אַראָב פון יושר־באַרג, איז ס'אייזעלע געבליבען זיצען אויף די הינטערשטע פיס צעמישט, אין טיפע מחשבות און אין פראַגען, און געגלאָצט אַרויף צו משיח'ן.

פרעגט איהם משיח:

— זאָג, זיס אייזעלע, זאָג, וואָס ווילסטו מיך פרעגען?

— איך האָב געוואָלט פרעגען דעם גואל־לעבען, פאַרוואָס ער בעוואונדערט אַזוי שטאַרק יעדען בן־אדם. איך טאָהר איהם נישט טייטען; איך טאָהר איהם נישט שלעכט טהון, אָפילו איהם בעליידיגען אַביסעלע טאָר איך אויך נישט. פאַרוואָס נישט? ווען מלאכים וואָלטען געזעהן ווי דער גואל־לעבען האָט ליעב און בעוואונדערט מענטשען, וואָלטען זיי געוועהן אייפערזיכטיג.

— ניין, מיין טייער אייזעלע, — ענטפערט איהם משיח — די מלאכים וויסען ווי געטליך מענטשען זיינען. דעראיבער זיינען זיי טאַקע מלאכים.

בעט זיך ס'אייזעלע מיט טרעהרען:

— קען דער גואל־לעבען פאַר מיר אויך מגלה זיין מיט וואָס דער מענטש איז אַזוי גרויס און געטליך?

— האָסטו געדולד צו האַלטען אַ סוד, אייזעלע מיינס? — פרעגט איהם משיח.

— יאָ, גואל־לעבען, מיט מיין געדולד קען איך דעם שטורעמדיגסטען סוד איינהאַלטען.

— טאָ גוט. — און משיח האָט געגעבען אַ קוועטש אַ שטערען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ וואָלקען איבער דער נאַכט־לאָמפּ און אין שטאָק־פינסטערניש, הינטער פיער אויגען, האָט משיח מגלה געווען דעם מענטש פאַר'ן אייזעלע.

— זיי וויסען, מיין טייער אייזעלע, אַז יעדער מענטש איז אַ גרויס וועלט־

מלכות. און דער, וואָס איז פּוגע בכבוד אַ מענטש, זינדיגט געגען אַ גאַנץ קעניגרייך. זינדיגען געגען מיר איז בלויז זינדיגען געגען אַן אידעאַל. זינדיגען געגען דיר, מיין אייזעלע, איז זינדיגען געגען אַ דיענער פון אַן אידעאַל. אָבער זינדיגען געגען דער ווערדע פון אַ מענטשען איז זינדיגען געגען דער געטלי־כער יצירה, וואָס האַלט ביי ווערען דער יוצר פון נייע וואונדער־וועלטען. אַ קלייניגקייט אַ מענטש ?! אַלע זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים זיינען בעפליעגעלט. מיט זיינע חושים קען ער פליהען און עראָבערען וועלטען פאַר זיך. מיט זיין זכרון קען ער מחיה־מתים זיין טויטע טעג, און מיט זיין פאַנ־טאַזיע בעלויכטען די הרי־חושך. גרויס איז זיין קעניגרייך. אין זיין יעדען טראָפּען בלוט פליהען אַרום זעקס מיליאָנען בעפליגעלטע באַשעפענישען, אין שפּיץ פון זיין קלענסט פינגערל האָט ער אַ גרעסערע לופט־פלאָטע פון אַלע קעניגרייכען פון דער וועלט. אַ קלייניגקייט אַ מענטש ?! האָסט זיך געוואונ־דערט וואָס אַ ציטער פון יראת הכבוד איז אדורך מיין גאַנץ וועזען, ווען איך האָב בעטראַכט יאַנקעלען ? וואָלסטו איהם געזעהען ווי איך, וואָלסטו אויך פאַר איהם געהאַט גרויס דרך־ארץ. ווייסטו ווער ער איז ? קענסטו זיין יחוס ? ער שטאַמט דאָך פון די אבות, וואָס האָבען געשאַפען מלאכים. זעקס פון זייערע מעכטיגסטע נשמה־פליעגלען האָבען זיי יעדען מלאך געגעבען, עס זאָל דעם מלאך זיין לייכט צו טראָגען אַ שווערע שליחות. עס האָט פאַסירט פאַלען, ווען די מלאכים וואָס ישראל האָט געשאַפען, זיינען געוואָרען צו מעכטיג און געוואָלט מיט געוואַלד געוועלטיגען איבער ישראל׳ן ; און ישראל האָט געמוזט מיט זיי זיך קריגען און זיי מנצח געווען. דאָס איז געווען אַמאָהל. און היינט, זעה ווי דער מענטש געוועלטיגט איבער דער לעבעדיגער לופט און איבער דעם טויטען דומם. ער זאָגט צו פעלזען פון שטאָל און אייזען : „פליט !״ און זיי פליהען אַהין דאָרט, וואו דער מענטש וויל. יאָ, דער מענטש וועט נאָך די זמנים און די פּלאַנעטען בעפליעגלען ווי ער האָט באַפליגעלט ווערטער און קלאַנגען און זיי בעפעהלען, אַז זיי זאָלען פליהען אין די דרכים, וואָס ער וויל און זיי וועלען מוזען פאָלגען. אַ קלייניגקייט אַ מענטש ?!

דאָס אייזעלע האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט מיט אויגען נאָכאַמאָהל אַזוי גרויס. און זייער גרויס איז שוין נישט מעהר געוואָהרען איינגעשרומפּען, הגם ס׳אָרעמע אייזעלע האָט זיי נאָך אַ סך מאָהל אין טרעהרען געוואַשען.

קאַפּיטעל יד.

משיח ענטפּלעקט זיין עיקר שליחות

בינו־לבינו האָט משיח׳ס רוהם זיך וויט, הויך און טיעף פאַרשפּרייט, ביז די גאַנצע הימלישע קאָנסטעלאַציע איז געוואָרען איין גרויסער גלאָקען־טורעם וואָס האָט געקלונגען: „דער גואל איז געקומען! דער גואל איז געקומען!“

אָבער צו דער זעלבער צייט האָט יעדעס אויער און אויג, צונג און לונג, געהאַלטען אין איין פרעגען זיך און זיין שכן: „ווער איז ער דאָס דער בעל־מופת? פון וואָס פאַר אַ שטאַם שטאַמט ער? וואו געפינט זיך דאָס לויטערע וואַסער, וואָס האָט איהם געררייניגט; דער פרישער קוואַל, וואו ר׳האָט געשעפּט זיין קדושה? וואו איז דאָס פייער, וואָס האָט איהם געגאָסען און די קאָוואַדלע און האַמער, וואָס האָבען זיין ווילען געשמידען?“

אונצעהלבאַרע תירוצים און סברות האָט מען געהערט פון אַלע זייטען, אָבער דויערנד צופרידענגעשטעלט איז קיינער נישט געוועהן. און עס האָט פערשאַפט אונרוהע אין יעדען טראָט פון יעדען פוס, אין יעדען פליה פון יעדען בליק, און פון הויכען יושר־באַרג האָט משיח אַלעס גוט געזעהן, געהערט און געפיהלט.

האָט משיח געזאָגט צום אייזעלע:

— איך קען לענגער נישט בלייבען קיין נסתר. די צייט איז געקומען, נתגלה צו ווערען. איך בן דאך געקומען, נישט נאָר צו ברענגען פעלקער דעם שלום, נאָר אויך מענטשען די מנוחה; און דאָס מענטשליכע מין איז שטאַרק בעאונרוהיגט איבער מיר.

האָט משיח געבלאָזען מיט׳ן שופר און ס׳אייזעלע האָט מיט געשריי געשטאַרקט דעם קול־השופר:

— מאָרגען די צייט וועט משיח זיך ענטפּלעקען! אלע, וואָס ווילען הערען און וויסען, זאָלען אַרויפקומען אויף דעם יושר־באַרג.

און געקומען זיינען נאָר די גערעכטפאַרטיגטע, אָדער די, וואָס האָבען געמיינט, אַז זיי זיינען עס. אָבער די, וואָס האָבען געמיינט, אַז זיי זיינען זינד־

פאַרטיגע, זיי זיינען נישט אַרויפגעקומען. זיי האָבען זיך געשעמט פאַר משיח׳ן.

ואלה הדברים, און דאָס זיינען די רייד משיח האָט גערעדט אויף דעם יושר־באַרג צו אַלע פערזאַמעלטע:

— איך בין מעהר געזאַלבט פון זינדיגע ווי פון די גערעכטפאַרטיגטע!

איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה און אַ מורמלונג, בפרט צווישען די „צדיקים" אין גענזענפיסלעך. האָט ס׳אייזעלע געגעבען אַ געשריי:

— ששש, זאָל זיין! האָט געדולד ווי איך! — און פערטויבט מיט זיין געשריי זייערע מורמלונגען. און משיח האָט ווייטער גערעדט:

— אַלעס גוטע, וואָס האָט נישט דערלעבט זיך אויסצולעבען, לעבט אין מיר!

איך בין געשטאַנען ביי יעדען קבר פון ווייסען בית־עולם פון טאָג און פון שווארצען בית־עולם פון נאכט, און נישט צוגעלאָזט מ׳זאל ברענגען צו קבורה דאָס נישט־דערלעבטע; דעם ניצוץ פון יעדען בן־אדם, וואָס איז נישט געקומען צו קיין תיקון, האב איך נישט צוגעלאזט, אַז די ערד זאָל צודעקען און דערשטיקען. איך האב אלע די געראַטעוועטע געטליכע פונקען אין מיר איינגעזאמעלט, און אַ גרויס אונאויסלעשבאַר פייער ברענט אין מיר! יעדע עקרה, וואָס איז אין קבר אַריין אָהן איר אויסגעבעטען, אויסגעבענקט קינד, לעבט אין מיר. יעדע ליעבע, וואָס איז געשטאָרבען פאַר דער צייט, טראָג איך אין מיר. איך בין דער יורש פון לעבען און דאָס לעבען בין איך געקומען אייך מאַכען אַרבען.

וואָס גרעסער דער צדיק, אַלץ מעהר האָט ער זיך אויסגעלעבט און מיר אַלץ ווייניגער ירושה געלאָזען. אָבער פון רשע האָב איך געאַרבט זיין גאַנץ נישט־אויסגעלעבט־רייכטהום, און מיט זיין ירושה בין איך געוואָרען געזאַלבט אייך צו זאַלבען.

נישט אַלע האָבען פערשטאַנען משיח׳ס רייד. אָבער די, וואָס האַלטען די שטראַהלענדע לייצעס פון דער פראָגרעסירענדער מעשה־מרכבה אין זייערע הענד, זיי האָבען פאַרשטאַנען און זיינען געוואָרען בערוהיגט.

קאַפּיטעל טו.

די מנורה פון זיבען טעמפּלען

עס וואָלט געווען אפילו פאַר׳ן מלך המשיח אונמעגליך דורכצוזעצען זיין שליחות, ווען נישט דאָס, וואָס אליהו הנביא האָט פאַר איהם אויסגע־טרעטען די וועגען און שטעגען, אויף וועלכע ער זאל געהן צו ברענגען די גאולה. און איינמאָהל האָט עס טאַקע אַזוי פּאַסירט.

שטעהענדיג אויף דעם שפּיץ פון יושר־באַרג, האָט משיח געזאָגט צום אייזעלע:

— וואָס קען דאָס זיין, וואָס איך הער פון דעם ׳אליהו־שטעג יעדען טאָג אַזאַ געוויין, נאָך שרעקליכער ווי פון רחל׳ס קבר? זעהסט, דער וועג איז אַדורכגעווייקט. איך פיהל ווי דער גאַנצער יושר־באַרג טרענקט זיך אין טרעה־רען. לאָמיר חוקר ודורש זיין פון וואַנען עס קומט.

— גוט, גואל־לעבען, — האָט ס׳אייזעלע געזאָגט — לאָמיר!

— איז דער געזאַלבטער אַרויף אויפ׳ן אייזעלע, און ס׳אייזעלע אַרויף אויפ׳ן „אליהו׳ס שטעג״.

און אין דעם קפיצת הדרך פון אַן אויגענבליק זיינען זיי אַראָב פון יושר־באַרג און אַריין אין דער הייל, וואָס האָט געהייסען „די הייל פון די זעקס שוועסטער״. אין דער הייל איז געווען טונקעל, כמעט שוואַרץ. אָבער גלייך ווי ס׳וויסע אייזעלע און משיח האָבען זיך בעוויזען איז אין דער הייל גע־וואָרען ליכטיג און אין דער ליכטיגקייט האָבען זיי געזעהען זיצען אויף דער ערד זעקס שעהנע יונגפרויען. זייערע קעפּ — ווי זעקס זונען, און פון זייערע אַקסלען האָבען אַראָבגעהאַנגען שמאַטעס און לאַטעס. און זיי, די יונגפרויען, וואַרפען זיך פון וועהטאָג, ווי שלאַנגען, אַזש ס׳אייזעלע האָט זיך צעוויינט פאַר רחמנות און שרעק.

האָט משיח זיי געפרעגט:

— ווער זענט איר, טעכטער פון תפארת?

האָבען זיי איהם געענטפערט:

— מיר זיינען זעקס שוועסטער פון איין טאַטען. מיר זיינען די זעקס וואָכעדיגע טעג!

— וואו איז אייער זיבעטע שוועסטער? — האָט משיח זיי ווייטער גע־פרעגט. האָבען זיי געענטפערט:

— זי איז די שבת־מלכה! זי וואוינט אין דער הויך פון אונזער הייל אין אַ ליכטיגען היכל. זי זעהט אויס ווי אַ פרישע, זאַפטיגע רויז אין אַ קריס־טאָלענער וואַזע; איהר איז שוין איינמאָהל גוט! — און זיי האָבען ווייטער גערעדט: — ס'טוהט אונז זעהר לייד וואָס משיח איז אַדורכגעווייקט פון אונזערע טרעהרען, אָבער פאַר ווערמען דען האבען מיר געזאלט אויסגיסען אונזערע הערצער, אויב נישט פאַר'ן מלך המשיח?

האָט משיח צו זיי געזאגט:

— הויבט אייך אויף, מיינע טייערע שוועסטער, און קומט מיט מיט מיר.

זיינען זיי איהם נאָכגעגאַנגען. און דער מלך משיח איז מיט זיי אַרויף און אריין אין היכל פון דער שבת־מלכה און איהר געוויזען ווי שרעקליך איהרע לייבליכע שוועסטער זעהען אויס און ווי טיעף זיי ליידען.

האָט די שבת־מלכה גלייך געהייסען איהרע מלאכי־השרת, אז זיי זאלען וואַשען און זאלבען איהרע זעקס שוועסטער, יעדער אָנטוהן בגדי מלכות פון איהר אייגענער גארדעראבע, און יעדע קרוינען מיט אַ קרוין פון איר שאַץ, און אַריינזעצען יעדע באַזונדער אין איהר אייגענעם קריסטאלענעם טעמפעל.

די מלאכי־השרת האבען אַלעס געטוהן ווי די שבת־מלכה האָט געהייסען. און דאָס אָרט הייסט פון דאמאלט אָן — די מנורה פון זיבען טעמפלען.

קאַפּיטעל טז.

די געבורט פון אחד

נאָכדעם ווי די זעקס וואָכעדיגע טעג זיינען געוואָרען אויפגעריגט, האָט משיח איינגעזעהען, אַז עס האָט גארנישט מעהר קיין זין צו טאָלעריִרען די מחיצה צווישען מלכות שמים און מלכות הארץ.

ער האָט זיך געטראַכט, איצט האָט דאָך מאמע־ערד זיך מער נישט וואָס צו שעמען מיט איהרע זעקס וואָכעדיגע, פערפראַצעוועטע טעכטער. טאָ נאָכ־וואָס נאָך דער פאָרהאַנג?

מעהר ווי איינמאָהל, ווען ער האָט אַרויסגעקוקט פון זיין קראַנק בעט אין הימלישען היכל און געזעהען פאַרבייפליהען די מעשה־מרכבה — יעדעס ראָד אַ וועלט פון פליהענדיגע קאלירען, און יעדע קאליר בעפליגעלט זיו־השכינה׳דיג — האָבען געוויינט אַלע זיינע וואונדען. אַך! ווען די ערדישע איינוואָהנער וואָלטען דאָס געקאָנט זעהען! כאטש איין בליק געבען, וואָלטען זייערע נשמות געוואָרען בעלויכטען אויף אייביג מיט גלאָר־רייכקייט. דאָס זעלבע, ווען אַראָבקומענדיג אויף אונזער ערד, האָט אין איהם ווייטער גע־צויגען און גענאָגט אַ בענקשאַפט.

אָה, ווען איהר, הימלישע וועזענס, וואָלט געקאָנט זעהען דעם בריליאַנ־טענעם שמייכעל פון אַ קינד, די אבנים טובות ומרגליות פערזייט אין די בלאָטעס; זעהען אַ זאַנפטיגען גאָרטען בליהען און זינגען; ווען דאָס אַלעס וואָלט געוועהן ענטפלעקט פאַרביידע זייטען, אַך, ווי דער אחד וואָלט דאַ־מאלט נישט געוועהן קיין צובראָכענער שארבען, נאָר אַ גאנצע כלי! און מענטש און מלאך וואָלטען געקאנט פון איהר טרינקען, אָהן הפסקה, ביז׳ן לעצטען טראָפּען.

און וואָס מעהר משיח האָט נאָכגעטראַכט וועגען דעם אַלעם, אַלץ מעהר איז ער געקומען צום בעשלוס, אַז די מחיצה איז נישט ווינשענסווערט פאַר ביידע וועלט־טיילען.

האָט ער געזאָגט צום אייזעלע:

— מאַך דיך גרייט! גארגעל דיר גוט דעם האַלז, גארטעל דיר גוט אָן

דיינע לענדען — מאָרגען פאַרטאָג וועל איך בלאָזען שופר דריי מאָהל, און דו וועסט געבען אַ ריטשע דריי מאָהל. מיר וועלען ביידע נעמען די העכסטע טענער, און געדענק, דער בלאָז מיט׳ן מרוטשע מוזען סינכראָניזירען!

פרעגט ס׳אייזעלע:

— וואָס איז סינכראָניזירען?

לאַכט משיח:

— אָה, דו חמור־קעפעלע, עס איז דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַל וואָרט און דו ביזט דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַל בעשעפעניש, און דו ווייסט נישט? עס איז ווען צוויי זאַכען טרעפען זיך פּונקט אין דער זעלבער צייט.

מיט ביידע אויגען האָט ס׳אייזעלע געגעבען אַ וואונק, ווי איינער זאָגט: איצט פערשטעה איך שוין....

און ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט האָט משיח דריי מאָהל געבלאָזען, און ס׳אייזעלע האָט דריי מאָהל געשריגען. קוים געענדיגט, און די מחיצה צווישען הימעל און ערד איז ענטקומען. אונזער וועלט, וואָס איז ביז איצט געווען צוטהיילט און צעשניטען אויף צווייען, איז געוואָרען איין גאַנצעס, איין גרויס, האַרמאָניש קעניגרייך, איין אחד.

אַממייסטען גענאָסען פון דער אחדות האָט די ליעבע, ווייל די פעראייניגונג פון הימעל און ערד האָט גורם געוועהן, אַז דעם מענטש איז געוואָרען ליכטיגער און קלאָהרער דער שליאַך פון דער שעפערישער האַרמאָניע.

די צוויי ווייזערס פון ציפערבלאַט פון דער וועלט — ליעבע און לעבען — האָבען נישט מעהר קאָנקורירט, נאָר האַרמאָניזירט. און ווען משיח וואָלט נישט מעהר אויפגעטהון, ווי געלייזט דעם קליינעם „מינדערווערטיגען״ פּראָבלעם פון דער ליעבע, האָט ער שוין אויך פערדיענט דעם מענטשען׳ס אייביגע דאַנקבאַרקייט.

קאַפּיטעל יז.

די רעאַליזאַציע

נאָך דער געבורט פון אחד האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען דאָס אמת'ע איבערקערעניש. מענטשען האָבען אין זיך אויסגעפונען פעהיגקייטען, וועגען וועלכע זיי האָבען גאָרנישט געגלויבט; און חושים נייע, פון וועלכע זיי האָבען קיין אַהנונג נישט געהאַט. יעדער מענטש האָט בעזיצט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט נוצן פאַר זיין מייסטער־האַפטער דיענסט און געטראָגען נאָר דעם עול, וועלכען ער האָט געקאָנט טראָגען שעפעריש.

אפילו אין די ספערען פון דער קונסט, וואו עס האָט געהערשט, פאַר דער משיח'ישער תקופה, אַזויפיעל פערניכטונג און הפקירות, האָט אָנגעפאַנגען געוועלטיגען דאָס געזעץ פון האַרמאָניע (וויכטיג צו בעמערקען, אַז אין קיין משיח'יש לאַנד האָט מען נישט ערלויבט קיין פרוי צו טהון מאָנאָטאָנישע, אויטאָמאַטישע אַרבייט).

אויך אין מלכות פון וואָרט איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. מ'האָט אַלע טויטע פראַזען און אויסגענוצטע אידיאָמען נישט געטאָרט נעמען אין מויל אַריין, דער וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט האָט זיך געמוזט גאָרגעלען דעם גאָרגעל דריי מאָל. יעדעס לשון האָט, ווי ספּלינטערס, אַרויסגעשלעפּט פון זיין אָרגאַניזם די ווערטער, וועלכע האָבען נישט אָרגאַניש באַלאַנגט צום לשון און אימפּאָרטירט פון נאָהענט און ווייט ווערטער, וואָס האָבען פאַרשאַפט אַ נחת־רוח דער צונג, די חושים און דעם געגענשטאַנד.

נאָר קיינער איז נישט געוועהן אַזוי דאַנקבאַר, ווי דער מנין שפּיצפינגער, ,ווייל זינט משיח איז געקומען האָבען אלע מעטאַלען און מאַטעריאַלען האָלצען און שטאָפען אויפגעלעבט. זיי האָבען וויברירט מיט אַ ניי לעבען. די צעהן פינגער, ווי אַמבאַסאַדאָרען, האָבען יעדען ערב ובוקר געבראַכט דער געקרוינטער נשמה די גוטע בשורה, אַז מיט אַלעם, וואָס זיי קומען אין קאָנטאַקט אין מלכות פון אל־חי איז פול מיט לעבען און שפּרינגט פאַר פרייד „קדוש“!

קאַפּיטעל יח.

די בעפרייאונג פון ציון

און די גאַנצע צייט, וואָס משיח איז געשטאַנען אויפ׳ן יושר־באַרג, האָט ער אויף קיין רגע נישט אַראָבגענומען קיין אויג פון ציון און ירושלים. און ווען ירושלים איז געוואָרען בעלאַגערט פון שונאים און עס האָט שלעכט געהאַלטען, האָט משיח זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן אייזעלע און געזאָגט:

— פליה!

ס׳אייזעלע האָט שוין געוואוסט וואָס איז משיח׳ס כוונה. איז עס אַהינגעפלויגען קיין ירושלים. אַזוי שנעל, אַז דער שאָטען זייערער איז געבליבען 300 מיילען הינטערשטעליג; און דעם רעש פון פליהען האָט ס׳בת־קול נית געקענט דעריאָגען. און אָט שטעהט שוין ס׳אייזעלע אויף די פיער בערג פון ירושלים, יעדער פוס אויף אַן אַנדערען באַרג. און משיח האָט געבלאָזען מעכטיג אויף זיין שופר, און ס׳אייזעלע האָט איהם בעגלייט אַזוי, אַז די שונאים האבען געמיינט, אַז דאָס איז דער וויי־געשריי פון קוילען, פון באָמבערס און פון ראַקעטען אויפ׳ן וועג פון פערניכטונג.

די שונאים האָבען דעם מלך המשיח און ס׳אייזעלע נישט געזעהען. און זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יעדעס אידישע הויז איז אַ טאַנק און יעדער קוימען — אַ האַרמאַט. און זיי זיינען אַוועקגעלאָפען פאַר פּחד און אַ סך איז אַזש נישט גוט געוואָרען פאַר שרעק.

אָט אַזוי האָט ס׳אייזעלע געהאָלפען אין דער בעפרייאונג פון ירושלים, און ישראל׳ס שונאים זיינען געוואָרען בעפרייט פון שנאה.

אָט אַזוי האָט גענומען אַ סוף צו דער אַלטער וועלט.

פון זעלבען מחבר — אין אידיש און אין ענגליש

אַרויס פון כאַאָס	1917
לעבענס־ליעדער	1924
וויזיאָנען און איידעל־שטיינער האַנדעל און לעבען (אויטאָביאָגראַפישעס אין איין באַנד)	1931
אַ נייע אויפלאַגע מיט אַ דריטער טייל	1950
אין חדר אַריין	1945
אין זכות פון די טעג	1946
זינגענדע רעיונות	1950

Out of Chaos	*1918*
Visions and Jewels	*1925*
Gems and Life	*1927*
The Book of Affinity (Seven Coloured Drawings by Jacob Epstein)	*1933*
For the Sake of the Days	*1940*